# פרשת וארא י"ט – כ"ה טבת תשע"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת וארא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לסטעטן איילאנד להשתתף בהדינער להחזקת הכולל של גיסו **הרה"ג רבי צבי פאללאק שליט"א** – אב"ד גרויסוואררדיין (סטעטן איילענד), שהתקיים באולם עקסעליולער גרענד.

אחר הדינער נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' קריאת התורה סימן קלט סעיף ד').

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהשבע ברכות של בנו הר"ר **יעקב הערש לעווי** הי"ו (חתן הר"ר **יצחק מאיר בלומענפעלד** הי"ו), שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בן הר"ר **הערשל שרייבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב משה לאווי** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שני פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להשתתף בהברית של בן הרב רבי **נפתלי יקותיאל יהודא כהנא** שליט"א (וומסב"ג, בן הגה"צ **שמואל שמעלקא כהנא** שליט"א, אנטווערפען, חתן הגה"צ רבי **שלום מאיר קרויז** שליט"א, וומסב"ג), שהתקיים בבית המדרש סקולען (ב"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

*

***יום שלישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב עלה **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **מרדכי אדלער** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ועלה לבית הר"ר **אברהם ברייער** הי"ו לכבוד שנדב כיתה בבית חינוך לבנות (ב"פ). ונשא מדברותיו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בהקבלת פנים של בן הרב רבי **מרדכי ווייס** שליט"א (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **חיים הערש פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהבר מצוה של בן הרב רבי **מאיר האלבערשטאם** שליט"א (וומסב"ג, בן מחותנו הרה"ג רבי **שמואל חיים האלברשטאם** שליט"א - אב"ד קשאנוב, ב"פ), שהתקיים באולם קראסנא.

*

***יום רביעי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהבר מצוה של בן הרב רבי **יצחק גרשון שטערן** שליט"א (וומסב"ג, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף בהחתונה של בן הר"ר **חיים אלעזר שפיטץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק שווימער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי', רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת וארא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי. אחר תפלת מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בהתנאים של בת הר"ר **דוד קאהאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם צבי בלומענפעלד** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק, למסור שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשינו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת וארא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש בית הלוי קאסאן. אחר התפלה התקיים הברית לבן הר"ר **לוי יצחק ראטענבערג** הי"ו (וומסב"ג). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מנחם קאהן** הי"ו (ב"פ), שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

*

***שבת קודש פרשת וארא***

בליל שב"ק ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד הרה"ג **רבי ברוך האגער שליט"א** (חיפה, נכד כ"ק האדמו"ר מסערעט וויזניץ שליט"א, והחתן כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א (ב"ב)).

בקריאת התורה התקיים הבאווארפען של החתן ... נ"ו בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו.. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** בהדינער השנתי לטובת התלמוד תורה בוויליאמסבורג, שהתקיים באולם אימפיריעל. הרה"ג רבי **יודא יואל שעהר** שליט"א, פתח את הדינער. סיום משניות על ידי הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו (לע"נ אמו ע"ה). דבר ההורים על ידי **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב. פרקי חזנות על ידי הר"ר ... הי"ו. מעמד שאלות ותשובות על ידי מחנכי התלמוד תורה. דברות קודש על ידי **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן השיחה***

**עס** איז די וואך די יארצייט פונעם הייליגן **רבי ר' זושא זי"ע**. דער הייליגער **קאמארנער** ברענגט צו (בספרו **נוצר חסד**, בליקוטי פנינים בסופו), א מעשה, וואס ער האט געהערט פון זיין שווער, **רבי אברהם מרדכי פינטשוב'ער**. א מעשה וואס איז כמעט נישט צו גלייבען אין די היינטיגע דורות. אז דער הייליגער **רבי ר' זושא זי"ע** איז געזעצן א גאנצע טאג אין בית המדרש, און אלץ איז געווען יודען וואס האבן זיך מרחם געווען, און האבען אים צוגעברענגט עפעס צו עסן. איינמאל האט ער זיך פארגענומען, אז ער גייט נישט בעטן פון קיינעם אז מען זאל אים ברענגען צו עסן. דער אייבערשטער איז זן ומפרנס יעדען איינעם, און דער באשעפער קען אים צושיקן, אַן דעם וואס ער זאל עפעס טון. אז מען וועט אים ברענגען צו עסן איז גוט, און אז נישט וועט אויך זיין גוט.

**אמאל** איז אדורך געגאנגען א פאר טעג, און קיינער האט זיך נישט מרחם געווען אויף אים, און מען האט אים נישט צוגעברענגט קיין עסן. און ער האט נישט געוואוסט, צו ער זאל עובר זיין אויף דעם וואס ער האט גענומען אויף זיך, עס איז סכנת נפשות אז ער בלייבט אזוי. אבער ער איז געווען זייער שטארק און פעסט אין זיין אמונה, אז דער רבונו של עולם וועט אים מזמין זיין וואס ער דארף האבען, און ער גייט נישט בעטן צו עסן.

**האט** דער הייליגער **רבי ר' זושא** פארציילט, איך מיין אז ער שרייבט אז ער האט עס אליין פארציילט פאר **רבי אברהם מרדכי פינטשוב'ער**, אז דער אייבערשטער האט אים מזמין געווען אינעם מויל, אזוי ווי א אבן טוב, וואס האט ארויסגעגעבן א זיסקייט אינעם מויל, דבש וחלב, און פון דעם האט ער זיך מתפרנס געווען אפאר טאג. ביז א יוד איז געקומען, און ער האט אים געברענגט צו עסן, און דעמאלטס איז עס אוועקגעגאנגען פון אים.

**און** דער **רבי ר' זושא**, אדער **רבי אברהם מרדכי**, האט געזאגט, דער אייבערשטער האט דאך געקענט מזמין זיין, אז איינער זאל אים ברענגען צו עסן, אן דעם וואס מען זאל דארפן צוקומען צו אזא גרויסע נס. נאר, עס איז נישט געווען אין די גאנצע געגענט, א יוד וואס זאל האבען אזא זכיה, אז דער אייבערשטער זאל אים מזמין זיין אזא מצוה, אז ער זאל קענען מחיה זיין אזא צדיק ווי דער הייליגער **רבי ר' זושא**. ביז עס איז אנגעקומען

א יוד פון די פרעמד, וואס האט געהאט א זכות, אז ער זאל קענען זיין דער וואס איז מפרנס דעם הייליגען **רבי ר' זושא**.

**עס** איז א מוסר השכל, אויף די געוואלדיגע אמונה פון אמאליגע צדיקים, וואס האבן זיך פארלאזט אינגאנצן אויפן אייבערשטען, און נישט געטון קיין שום פעולה אויף וואס זיי האבן געדארפט. און די צווייטע חלק, איז עס א מוסר השכל פאר די מחזיקי תורה, אז מען דארף אסאך מאל האבען א זכיה, אז מען זאל קענען מחזיק זיין תורה. נישט אייביג האט מען דעם זכות. מען געפונט אין די גמרא (בבא קמא טז:), הכשילם בעניים שאינם מהוגנים, אמאל איז דא וואס דער אייבערשטער טוט מכשיל זיין אז ער געט טאקע צדקה, אבער די צדקה קומט נישט אן אויפן ריכטיגן פלאץ. כדי צו האבען א זכות אז די צדקה זאל אנקומען אויפן ריכטיגן מקום, דארף מען אליין אויך האבען א זכות.

**געבן** פאר תינוקות של בית רבן, וואס זיצן און לערנען, און מען איז זיי מחנך צו תורה און עבודת ה', וואס פון זיי וועט אויסוואקסען ערליכע יודישע טאטעס תלמידי חכמים, און ערליכע יודישע מאמעס. אמאל קען זיין, אז מען האט מחזיק געווען א מוסד, און איין קינד איז ארויסגעגאנגען פון דעם מוסד, און ער איז אויסגעוואקסען א גדול בישראל, און ער טוט נאכדעם שפעטער מרביץ תורה זיין, וואס פאר א זכות מען האט, אז מען איז צוגעהאלפען, און ער האט א זכות אין זיין תורה הק'.

**מען** זאגט נאך פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל**, אז ער האט אמאל געפרעגט א יוד אין ירושלים, ווי ער שיקט זיין קינד לערנען. האט ער אים געענטפערט, אז ער שיקט אין עפעס א שוואכע מוסד וואס איז געווען דארט, וואס די יודישקייט אין דעם מוסד איז געווען בשפל המצב, קוים אויפן שפיץ גאפעל. האט ער אים אזוי אנגעקוקט, אז ער שיקט אין א שוואכע מוסד. ווען ער האט געזען ווי אזוי **רבי יוסף חיים** וואונדערט זיך, האט ער געזאגט, עס וואקסען אויף דארט יודישע קינדער, מען לערנט תורה, און מען פירט זיך אויף ערליך.

זאגט אים **רבי יוסף חיים זאנענפעלד**, דו טראכסט, אז פון אזא מוסד קען ארויסקומען א קינד וואס וועט אויפוואקסען צו זיין משיח. זאגט ער, ניין. אבער א וואויל קינד, קען אויסוואקסען פון דארט. האט **רבי יוסף חיים** געזאגט, אז די גמרא (שבת קיט:) זאגט, אל תגעו במשיחי (דברי הימים א טז-כב), אלו תינוקות של בית רבן. תינוקות של בית רבן ווערן אנגערופן משיחי. ווייל מיר זענען מחוייב צו געבן פאר אונזערע תינוקות של בית רבן אזא חינוך, אז דאס קינד זאל קענען פון אזא חינוך אויסוואקסען צו זיין דער מלך המשיח. טאמער קען ער פון דעם מוסד נישט אויסוואקסען משיח, איז עס נישט קיין מוסד פאר תינוקות של בית רבן.

**און** עס האט א מקור, די פאריגע וואך אין די פרשה, געפונט מען ביי משה רבינו, אז בשעת בתיה בת פרעה האט אים געטראפן, און זי האט אים געוואלט געבן צו זייגען מילך, האט ער נישט געוואלט נעמען, ביז מען האט גערופן א מינקת, די מוטער, און די מוטער האט אים געגעבן צו זייגען. זאגט די גמרא (סוטה יב:) אז דער אייבערשטער האט געזאגט, פה שעתיד לדבר עם השכינה, א מויל וואס גייט רעדן מיט די שכינה, קען נישט יונק זיין פון א אשה נכריה. און עס איז אזוי געפסק'נט אין שלחן ערוך (יו"ד פא-ז), אז כאטש מען מעג זייגען פון א גויטע, וואס האט געגעסן מאכלות אסורות. פונדעסטוועגן דאך איז עס מטמטם את הלב, פון דעם וואס זייגט פון איר. און מען זאל נזהר זיין, און נישט זייגען פון א גויטע. און די **גר"א** (אות ל"א) צייכנט צו, ווי איז די מקור פון דעם שלחן ערוך, אז מען זאל נזהר זיין, און נישט זייגן פון א גויטע. מען לערנט עס אראפ פון משה רבינו. אז משה רבינו האט נישט געוואלט יונק זיין פון א אשה נכריה.

**שטייט** אין די מפרשים, אז עס איז א געוואלדיגע פלא, ווי אזוי לערנט מען אראפ פון משה רבינו, אז ער האט נישט געוואלט יונק זיין. דארט זאגט די גמרא א טעם, ווייל משה רבינו גייט מקבל זיין די תורה פונעם אייבערשטען, פה שעתיד לדבר עם השכינה, קען נישט יונק זיין. קומט דער שלחן ערוך, און ער פסק'נט אפ אויף יעדן קינד, אז מען זאל נישט יונק זיין לכתחלה פון א אשה נכריה,

ווייל מען געפונט אזוי ביי משה רבינו. און די תירוץ איז, יא, אויב מען געפונט אזוי ביי משה רבינו, דארף יעדע טאטע וויסן, אז מיין קינד קען אויסוואקסען א משה רבינו. מיין קינד קען אויסוואקסען א מלך המשיח. און אין פסוק (יואל ג-א) שטייט, אז לעתיד ונבאו בניכם ובנותיכם, יודען וועלן צוקומען צו ומלאה הארץ דעה את ה' (ישעיה יא-ט), מיר וועלן אלע זיין נביאים, און טאמער האט מען יונק געוואוען פון א פלאץ וואס מען האט נישט געדארפט, קען מען נישט צוקומען שפעטער צו אזא מדריגה.

**דאס** וואס יודען טוען זיך אנשטרענגען, און מען געט צדקה, און מען טוט מחזיק זיין מוסדות התורה, ווייסט מען קיינמאל נישט וואס פאר א זכיה מען קען האבן פון איין קינד, וואס קען ארויסקומען פון דעם מוסד, און מען האט א חלק אין דעם. (שאר הדברי תורה נדפסו בגליון דברי תורה).

**ב"ה** מען געט צדקה, און מען איז מחזיק מוסדות התורה, רוב זענען דאך עלטערן פון קינדער אין די מוסדות, וואס עס ליגט א פליכט אויף עלטערן מחנך צו זיין די קינדער. עס קומט אסאך מאל אן שווער, וואס מען געט אוועק פאר לימוד התורה. אבער מיר ווייסן אבער וואס חז"ל זאגען אונז (ביצה טז.), מזונותיו של אדם קצובין לו מראש השנה ועד ראש השנה, חוץ מהוצאות בניו לתלמוד תורה. געלט וואס מען געט פאר א תלמוד תורה, ווען מען נעמט א עקסטערע רבי צו לערנען מיטן קינד, פארדעם באצאלט דער אייבערשטער עקסטער, און עס ווערט נישט גערעכנט אינעם בודזשעט, וואס איז נקצב געווארן פארן מענטש.

**וואס** האט א מענטש אויף די וועלט, נאר קינדער. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב, פון אלעם בלייבט גארנישט. אז דער אייבערשטער העלפט אז מען קען ערציען ערליכע יודישע קינדער, קינדער תלמידי חכמים, קינדער יראי ה', וואס זיי זענען מחנך ווייטער זייערע דורות, דאס דארף זיין די גאנצע גליק פונעם לעבן פונעם מענטש, און אויף דעם דארף ער לייגען זיין גאנצע בליק, אז די שטוב זאל אויסוואקסען א תורה'דיגע שטוב.

**לפום** צערא אגרא, לויט וויפיל צער א מענטש האט, און ער פלאגט זיך אוועקצוגעבן פון זיין געלט פאר תורה, אז די קינדער זאלן אויסוואקסען תלמידי חכמים, באקומט ער דערפאר מער שכר. לויט וויפיל די אינוועסטמעט איז, לויט דעם נעמט מען ארויס. זאל דער אייבערשטער געבן אז מען זאל קענען מחזיק זיין תורה, מען זאל קענען ווייטער טון להגדיל תורה ולהאדירה.

**איך** קען זאגען בשבחו פון די מוסדות, איך בין נאנט צו די מוסדות, און ב"ה מען לייגט אריין אסאך און אסאך כוחות, וואס מען קען פארבעסערן, ארויסצוהעלפען פאר די תלמידים. עס איז נישט דא קיין געלט וואס שטייט אין די זייט, צו זאגען אז מען טוט עס נישט, וועגן דעם ווייל עס וועט קאסטען געלט. **רבי שמואל דוד זאל זיין געזונט**, געט אוועק זיין גאנצע לעבן פאר די תלמוד תורה, און וואס ער קען טוט ער גרעסער צו מאכן און פארברייטערען, כדי מחזיק צו זיין די לומדי תורה. זאל דער אייבערשטער געבן אז ער זאל קענען ווייטער אויך אנגיין מיט די עבודת הקודש, און די אלע חברי הנהלה וואס העלפען צו צו די עבודת הקודש, און געבן אוועק אזויפיל צייט פארן מוסד, זאל זיי די אייבערשטער בענטשען בכל מילי דמיטב. דער אייבערשטער זאל זיי געבן מידו הרחבה והמלאה. פון זיין ברייטע האנט, באצאלט ער פאר די אלע וואס שטיצען תורה הק', און טוען פאר זיינעט וועגן. און זכות פון תורה הק', און אין זכות פון צדקה וואס יודען טוען, זאלען מיר זוכה צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

# פרשת בא כ"ו טבת – ג' שבט תשע"ד לפ"ק

***יום ראשון פרשת בא***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' קריאת התורה סימן קלט סעיף ו'). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען דער אייבערשטער האט געשיקט משה רבינו זאל גיין צו פרעה, האט משה רבינו געזאגט, הן בני ישראל לא שמעו אלי, ואיך ישמעני פרעה, ואני ערל שפתים (ו-יב), ער האט געזאגט די לשון 'הן' בני ישראל לא שמעו אלי. אין די פריערדיגע פרשה האט אויך משה רבינו נישט געוואלט גיין בשליחות פונעם אייבערשטען, און ער האט זיך אויך באנוצט מיט די זעלבע לשון, ו'הן' לא יאמינו לי, ולא ישמעו בקולי, כי יאמרו לא נראה אליך ה' (ד-א), זיי וועלן נישט גלייבען, און זיי וועלן זאגען, לא נראה אליך ה'. און רש"י זאגט, אז דער אייבערשטער האט געהאט א תביעה אויף משה רבינו, פארוואס ער זאגט והן לא יאמינו לי, די יודען זענען מאמינים בני מאמינים.

**קען** אפשר זיין בדרך רמז, יודען זענען געווען אין מצרים אזויפיל יאר, מיט עבודת הפרך. און פון דעסטוועגן דאך האט מען זיך געהאלטן, סיי בגופניות, אז מען האט געקענט אנהאלטען אזויפיל יאר מיט די שווערע ארבעט, און מען איז נישט צובראכען געווארן פיזיש פון די ארבעט. און זיי ברוחניות, אז זיי האבן זיך געקענט האלטען אין מצרים, אין א ערות הארץ, און זיי זענען געווען ערליך, און גדורים בעריות. אחת היתה ופרסמה הכתוב (ויק"ר לב-ד). און מען דארף האבען געוואלדיגע כוחות הנפש, אז מען זאל דאס קענען אדורכטראגען. מילא די ערשטע דור וואס האבען נאך געקענט די שבטים, און זיי זענען שוין געווען ערוואקסען בשעת מען האט אנגעהויבן דעם שיעבוד, זיי האבען נאך געהאט אויף וועם ארויף צו קוקען, און וועם צו געדענקען. אבער עס זענען דאך געבוירן געווארן פרישע דורות אין מצרים, און פון דעם טאג וואס זיי זענען געקומען אויף די וועלט, ביז זיי זענען געשטארבען האבען זיי געוואוסט, אז זיי זענען פארשריבען צו ארבעטן. ועבדום ועינו אותם ארבע מאות שנה. וואס איז געווען די כוחות, ווי אזוי האבען זיי זיך געקענט האלטען, אין אזא מקום ווי מצרים.

**די** תירוץ דערויף שטייט אין מדרש (שמו"ר ה-יח) אז יעדן שבת זענען זיך די יודען צוזאם געקומען, און זיי האבען געהאט מגילות וואס זיי האבען מקבל געווען פון די אבות, און מען האט זיך מחזק געווען. יעדן שבת האבען זיי זיך משתעשע געווען, לומר שהקב"ה גואלם, אז דער אייבערשטער וועט זיי אויסלייזען. און דאס וואס זיי זענען זיך צוזאם געקומען, און זיי האבען זיך מחזק געווען איינעם דעם צווייטען, דאס האט געגעבן די כח, סיי אין גשמיות, צו וויסן אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט זיי. און סיי אין רוחניות, האבען זיי מקבל געווען די חיזוק, וואס האט אויסגעפעלט, פון דעם וואס זיי זענען געזעצן שבת אינאיינעם.

**ווען** א יוד איז זיך מתבונן וואס שבת איז, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז), יעדע שבת וואס א יוד טוט נישט קיין מלאכה גאנץ שבת, איז ער זיך מעמיק אין אמונת אלקי עולם, אז עס איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט. ער האלט שבת, ווייל עס איז דא א מנהיג לבירה. עס איז דא א וועלט, א יש מאין, וואס איז נישט פון זיך אליין, נאר עס איז דא איינער וואס האט עס באשאפן. און אין זעקס טאג, מיטן דיבור פונעם אייבערשטען, איז די וועלט באשאפן געווארן. און עס קען זיך נישט האלטן, נאר בדיבורו פונעם רבונו של עולם. דער עצם שבת אליין, ברענגט פארן מענטש אמונה אינעם רבונו של עולם, אז דער אייבערשטער פירט אלעס. די אמונה וואס א יוד גלייבט, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען, דאס אליין געט אים חיזוק, אריבער צו גיין די שווערע זמנים וואס ער האט. מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), אז עס קומט פונעם אייבערשטען, קען עס נישט זיין שלעכט. ווייל ביים באשעפער איז נישט דא קיין שלעכטס. און ווען ער איז זיך מעמיק אין

דעם, אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דאס אליין געט כח פאר א יוד, אז ער זאל קענען נאכדעם אנגיין, אין די שווערע מצבים וואס ער גייט אדורך.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר יא-ח), אז דער שבת האט געזאגט פארן אייבערשטען, יעדע טאג האט א בן זוג, דער זונטאג האט דעם מאנטאג, דינסטאג דעם מיטוואך, דאנערשטאג דעם פרייטאג. ולי לא נתת בן זוג, איך האב נישט קיין בן זוג. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כנסת ישראל יהיה בן זוגך. כנסת ישראל, וועט זיין דער בן זוג פונעם שבת. עס שטייט אין מדרש (הובא בתוספות סנהדרין לז:) אז די מלאכים האבען זעקס פליגלען, און יעדן טאג זאגען זיי שירה פארן אייבערשטען מיט איין כנף. און שבת זאגען זיי, רבונו של עולם, מיר האבען נישט קיין כנף, מיט וואס צו זאגען שירה. זאגט דער אייבערשטער, כנף אחד יש לי בארץ, כלל ישראל זאגט פאר מיר שירה שבת. קומט אויס, אז דער שבת דאס איז דער בן זוג פון יודען.

**וואס** מיינט אז שבת איז א בן זוג פון יודען. וואס איז א בן זוג. שטייט אין פסוק (בראשית ב-יח) לא טוב היות האדם לבדו, אעשה לו עזר כנגדו. עס איז נישט גוט פאר א מענטש צו זיין פאר זיך אליין, און דער אייבערשטער האט אים געגעבן א עזר, וואס צוזאמען קען מען אדורך טראגען אלע פראבלעמען וואס מען דארף אדורכגיין. - די זעלבע איז אויך אין רוחניות. כנסת ישראל איז לא טוב היות לבדו, אליין קען מען זיך נישט האלטען. דער אייבערשטער האט געגעבן דעם שבת, פאר א בן זוג פאר כנסת ישראל, אויב דו וועסט האבען דעם שבת, און א יעדע שבת וועסטו פארגעסן פון די וועלט, שבת וועט זיין א טאג פון אמונה, א טאג פון זיך מחזק זיין אין תורה און אין מעשים טובים, און הערן דברי מוסר אינעם שבת, דאס וועט ענק געבן די כח, אז מען זאל קענען ווייטער אנגיין.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, 'כנסת' ישראל, די כינוס פון יודען, ווען יודען קומען זיך צוזאם אינעם שבת, דאס איז דער בן זוג פונעם שבת. אמאל איז דא, וואס אפילו דער שבת איז דא, אבער ער איז פאר זיך אליין, ער קומט נישט אין שול, ער קומט זיך נישט צוזאם מיט יודען אינאיינעם, האט ער נישט קיין סך פונעם שבת. 'כנסת ישראל', אז מען קומט זיך צוזאם, און מען זינגט זמירות ותשבחות צוזאמען, מען הערט דברי תורה און דברי מוסר צוזאמען, דאס געט דעם כח, אז דער שבת זאל זיין דער בן זוג פאר כנסת ישראל. - און דאס האט געגעבן די כח פאר יודען אין מצרים. מען האט געהאלטן די שבתים, און דורך דעם האט מען זיך מחזק געווען, סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, און מען האט געקענט אנהאלטן.

**עס** שטייט אין מדרש, הבה נתחכמה לו (שמות א-י), אויף וועמען, אויפן שבת. און רש"י זאגט, למושיען של ישראל (סוטה יא.). שטייט אין הייליגע ספרים, אז פרעה האט פארשטאנען, וואס איז די מושיען של ישראל. וואס העלפט פאר יודען, אז זיי קענען זיך האלטען. דאס איז דער שבת. הבה נתחכמה לו, לאמיר זיך נתחכם זיין אויפן שבת, אז מען זאל עס מבטל זיין, ווייל דאס איז די מושיען של ישראל.

**קומט** אויס, אז די וואס האבען געהאלטן שבת אין מצרים, די וואס זענען זיך צוזאמגעקומען אין שבת, און זיי האבען זיך משתעשע געווען, אז דער רבונו של עולם וועט זיי גואל זיין, די האבען געהאט חיזוק, אז זיי זאלן קענען אנגיין אין זייער ארבעט, און זיי זאלן נישט פארפאלען ווערן, און זיי זאלן גלייבען, אז ווייל דער רבונו של עולם וועט זיי גואל זיין.

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט בלק תשסח), הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב (במדבר כג-ט), אז א יעדע אות האט א בן זוג. דער א' איז א בן זוג מיטן ט', דער ב' איז א בן זוג מיטן ח', די ג' מיטן ז', און דער ד' מיטן ו', אבער דער ה"א אינדערמיט, האט נישט קיין בן זוג. דאס זעלבע איז צווישן די אותיות כ' און ק', האבען אלע א בן זוג, אויסער די נו"ן אינדערמיט האט נישט קיין בן זוג. זאגט די מדרש, 'הן' דאס ווייסט אויף דעם וואס האט נישט קיין בן זוג, א לשון פירוד. 'הן' עם לבדד ישכון, אלע פעלקער זענען גוט איינער מיטן צווייטען, און זיי מישן זיך אויס איינער מיטן צווייטען, זיי האבען שייכות איינער מיטן אנדערן. אבער יודען זענען א פאלק וואס זענען לבדד, זיי זענען פאר זיך, ובגוים

לא יתחשב, זיי מישען זיך נישט אויס מיט קיין גוים, זיי האבען נישט קיין שייכות מיט דעם גוי, יעדע יוד איז פאר זיך אליין. זאגט די מדרש, הן עם לבדד ישכון, אזוי ווי די אותיות 'הן', די ה"א מיט די נו"ן, וואס זיי שטייען יעדע איינע פאר זיך, און זיי האבען נישט קיין חברותא, אזוי איז כנסת ישראל, וואס איז לבדד ישכון.

**ווען** מען רעדט כלפי גוים, איז 'הן' א מעלה. אבער ווען מען רעדט כלפי יודען אליין, איז 'הן' נישט קיין מעלה. אז מען קומט זיך נישט צוזאם, אז עס נישט דא קיין 'כנסת' ישראל, אז עס איז נישט דא די כינוס, ווי יודען טוען זיך מחזק זיין, איש אל רעהו יאמר חזק, פאלט מען אדורך. די ערליכע יודען וואס זענען געווען אין מצרים, און זיי זענען זיך צוזאמגעקומען יעדע שבת, פון זיי האט משה רבינו נישט מורא געהאט ווען זיי וועלן הערן פון א גאולה. אויף דעם שטייען זיי דאך, און זיי קומען זיך צוזאם יעדע וואך, צו הערען אז דער אייבערשטער וועט זיי אויסלייזען. די וואס זענען זיך אבער נישט צוזאמגעקומען, און זיי האבען נישט מיט געהאלטען, אויף זיי האט משה רבינו מורא געהאט אז זיי וועלן נישט גלייבען.

**האט** משה רבינו געזאגט, ו'הן' לא יאמינו לי, די וואס זענען אזוי ווי די אותיות 'הן', די וואס זענען אפגעטיילט, און זיי זענען זיך נישט מתחבר. די לא יאמינו לי, ולא ישמעו לקולי, ויאמרו לא נראה אליך ה'. איז משה רבינו געקומען, און ער האט געוואלט מחזק זיין די יודען, עס איז געווען מקוצר רוח ומעבודה קשה, האט משה רבינו געזאגט, 'הן' בני ישראל לא שמעו אלי. איך זאג נישט אז אלע יודען וועלן זיך נישט צוהערן, יודען הערן צו, זיי זענען מאמינים בני מאמינים. אבער דאס איז נאר ווען מען האט די כח און די חיזוק, וואס איינער איז מחזק דעם אנדערן, דעמאלטס וועלן זיי צוהערן. אבער ווען עס איז 'הן' בני ישראל, ווען עס פעלט די איחוד, און עס איז נאר דא די ה' מיט די נו"ן, דעמאלטס לא ישמעו לקולי, וועלן זיי מיר נישט צוהערן.

*

בשעות הלילה התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים, לרגל קישור החיתון של בת הר"ר **יצחק ווייס** הי"ו (בן הר"ר **משה ווייס** הי"ו, וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **אהרן אונגאר** הי"ו (וומסב"ג). **רבינו שליט"א** האציל מברכותיו לכל בני המשפחה.

*

***יום שני פרשת בא***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** באסיפה שנערכה על ידי איחוד הקהלות, בענין הליכה בערכאות, **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**מען** דארף נישט פארלייגען פאר די רבנים די הארבקייט פון גיין אין ערכאות. ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם (שמות כא-א), ער איז מייקר אלילים (רש"י שם), און א מרים יד בתורת משה (רמב"ם הל' סנהדרין כו-ז). עס איז זייער נאכגעלאזט געווארן דער ענין, מען מאכט היינט געלט, עס איז דא היינט אסאך געשעפטן און גרויסע געשעפטן, בין אדם לחבירו, און עס קומט אויס, אז טאמער מען פארטראגט זיך נישט איינער מיטן אנדערן, איז די ערשטע זאך גייט מען גלייך אין ערכאות.

**אויסער** די עצם איסור פון ערכאות, איז היינט כמעט אלעס פארבינדן מיט מסירה. כמעט אין אלע געשעפטן, איז די ערשטע זאך וואס קומט ארויף איינער אויפן אנדערן, אז ער האט געטון זאכען, וואס איז נישט אויסגעהאלטן על פי הלכה. איך ווייס נישט וואס איז הארבער, הליכה בערכאות אדער מסירה. אויף מסירה שטייט (ב"ק קיז.) אז מען מעג אים הארגענען, אויף הליכה בערכאות שטייט נישט אז מען מעג הארגענען. אבער על כל פניםביידע זענען גרויסע פראבלעמען. עס האט מיר געזאגט א יוד, וואס טוט מיט די יודען וואס זענען ליידער אין תפיסה, אז רוב אחינו בני ישראל, היימישע יודען, וואס זיצען אין תפיסה, איז נאר פון מסירה פון אונז אליין. נישט פון די גאס, און נישט פון די פרעמד, נישט פון די גוים, און נישט פון די פאליציי. עס איז פון אונז אליין, וואס מען האט זיך נישט פארטראגען איינער מיטן צווייטען, צוליב וואס

פאר א סיבה עס זאל נאר נישט זיין, און מען איז צוגעקומען דערצו, אז מען האט איינגעשפארט (עיין עוד **בשמן ראש** ח"ט במדבר דף מא, ז' אדר דף קע"ה).

**עס** איז אין ידינו תקיפה, מען האט נישט קיין כח, ווען יא וואלט מען עס שוין לאנג אפגעשטעלט. א יחיד האט נישט קיין כח, אזוי איז עס, ווען עס איז נישט דא א איחוד פונעם גאנצן ציבור צוזאמען, קען מען די זאך נישט אפשטעלן. ווייל אז עס געפעלט אים נישט די קהלה, גייט ער צו א צווייטע קהלה, און אזוי ווייטער.

**מען** האט צוזאם גערופן די רבנים, מטכס עצה צו זיין, אז מען זאל קענען אויפשטעלן א איחוד פון די קהלות וואס זענען דא אין וויליאמסבורג. מען האט צוזאמגערופן די רבנים וואס האבען מוסדות אין זייער קהלה, די רבנים וואס זענען אקטיוו, און טוען אין אלע צרכי ציבור. מען האט פארגעשלאגען פארשידענע הצעות, ווי אזוי מען זאל עס אויפשטעלן, און ווי אזוי מען זאל עס בא'ארבעטן. א יעדער איינער זאל אדורך קוקען די פארשלאגן, וואס מען לייגט אראפ דא אויפן טיש, און צוקומען צו א מסקנה. מען וויל הערן יעדעמ'ס מיינונג, תשועה ברוב יועץ (משלי יא-יד). וואס פאר איינעם פאלט איין, פאלט נישט איין פאר א צווייטען. די אייבערשטער זאל העלפן, אז חפץ ה' יצליח, אז עס זאל ארויסקומען דערפון א כבוד שמים.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** בהלויה של **הרה"ג רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל** אבד"ק אור החיים, שהתקיים לפני בית מדרשו.

*

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת יארצייט של חמותו **הרבנית מוואדקערט** ע"ה, שהתקיים בבית המדרש וואדקערט, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**מען** געפונט אין די פרשה, ווען מען רעדט פון די שיעבוד וואס יודען זענען געווען אין מצרים, זאגט רש"י (שמות ה-ד) אז שבט לוי איז נישט געווען אינעם שיעבוד. אלע שבטים האט מען משעבד געווען, אויסער שבט לוי. און וועגן דעם האבען משה מיט אהרן, געקענט אריינגיין און ארויסגיין פון פרעה, ווייל זיי זענען נישט געווען אינעם שיעבוד, און זיי האבען נישט גע'דארפט ארבעטן.

**עס** שטייט אין **פנים יפות** (פ' שמות ד"ה את כל עבודתם), פארוואס איז שבט לוי געווען א אויסנאם פון אלע אנדערע שבטים, אז זיי האט מען נישט משעבד געווען. ווייל עס שטייט אין די משנה (אבות ג-ה) כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ. ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, נעמט מען אראפ פון הימל, אנדערע עול'ס וואס ליגן אויף א מענטש. יעדע מענטש דארף האבען א עול פון פרנסה, און א עול פון מלכות, אלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו (שם ג-ב). אבער ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך עול תורה, ער געט אוועק זיין צייט פאר תורה, טוט דער אייבערשטער אראפנעמען פון אים, אז אנשטאט די פלאג וואס ער פלאגט זיך אויף תורה, דארף ער זיך נישט פלאגען אויף פרנסה, און ער האט נישט קיין עול פונעם מלכות. פארקערט, כל הפורק ממנו עול תורה, אויב עס איז אים צו שווער די עול פון תורה, ער וויל זיך גרינגער מאכן, קען ער זיך נישט גרינגער מאכן. ווייל אויב ער ווארפט אראפ פון זיך די עול פון תורה, נותנים עליו עול מלכות ועול דרך ארץ.

אויף שבט לוי שטייט אין פסוק (דברים לג-ט), כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו. זיי האבען קיינמאל נישט אראפ געווארפן פון זיך דעם עול התורה אין מצרים, אפילו ווען אלע האבען מבטל געווען מצות מילה, האבען זיי דאס געהאלטן, און זיי האבען געהאט מסירת נפש פארן אייבערשטען. איז אזוי ווי זיי האבען מקבל געווען אויף זיך עול

תורה, האט מען אראפגענומען פון זיי עול מלכות. און פרעה האט זיי באפרייט, און זיי האבען נישט געהאט אויף זיך קיין שיעבוד.

**אבער** הא גופא קשיא, אלע זענען דאך געווען הייליגע שבטים, פארוואס נאר די קינדער פון שבט לוי, האבען זוכה געווען צו כי שמרו אמרתך ובריתך ינצורו. די קינדער פון ראובן שמעון און יהודא זענען אויך געווען וואוילע יודען, וואס איז די סיבה אז לוי האט מער מצליח געווען, אז זיינע דורות האבען זיך אלץ געהאלטן.

**עס** שטייט אין **ספורנו** (פ' וארא ו-יד), אז דער טעם דערפון איז, ווייל רש"י זאגט די פאריגע וואך (ו-טז) אז לוי האט מאריך ימים געווען, און ער איז געווען די עלצטע פון אלע שבטים. לוי איז אלט געווען דריי און פערציג יאר בשעת ער איז געקומען קיין מצרים, און לויטן חשבון וואס שטייט אין פסוק (שם) ושני חיי לוי שבע ושלשים ומאת שנה. האט ער געלעבט א חשבון פון ניינציג יאר אין מצרים. און ווען אלע שבטים זענען שוין אוועק פון די וועלט, האט לוי נאך געלעבט. אזוי ווי ער האט געהאט אריכת ימים, ער האט לאנג געלעבט, האבען די קינדער פון לוי אלץ געזען א דמות דיוקנו פונעם זיידען און עלטער זיידען. און דאס האט איבערגעלאזט א השפעה אויף די קינדער און אויף די אייניקלעך, אז זיי זענען געגאנגען בדרכי ה'. אבער די קינדער פון די איבריגע שבטים, אזוי ווי ראובן און שמעון זענען נסתלק געווארן פאר דעם, האבען זיי שוין נישט געקענט דעם זיידען, און דעם עלטער זיידען, און אזוי ווי זיי האבען געוואוינט אין מצרים, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם (תהלים קו-לה), אבער אזוי ווי לוי האט מאריך ימים געווען, האבען זיי אים געקענט, איז וועגן דעם איז ביי זיי געבליבן, אז זיי האבען געהאלטן די תורה.

**יצחק** אבינו האט נישט געהאט קיין קינדער, און יצחק מיט רבקה האבען מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן קינדער. ויעתר יצחק לה' לנוכח אשתו כי עקרה היא (בראשית כה-כא), און נישט סתם תפלה, נאר הרבה והפציר בתפלה (רש"י שם). פארוואס האבען זיי געדארפט דאווענען פאר קינדער. דער אייבערשטער האט דאך צוגעזאגט פאר אברהם אבינו, כי ביצחק יקרא לך זרע (שם כא-יב), איז דאך זיכער אז יצחק וועט האבען קינדער, פארוואס האט ער האט מרבה געווען בתפלה, אז די אייבערשטער זאל אים געבן קינדער. אפילו ער וועט נישט מתפלל זיין, איז דאך שוין דא א הבטחה פונעם אייבערשטען, אז ער וועט האבן קינדער.

**נאר** יצחק האט געוואוסט, אז ער וועט האבען קינדער. ער האט אבער געבעטן, אז די אייבערשטער זאל אים געבן די קינדער, אין זיינע יונגע יארן, אז זיי זאלן נאך קענען דעם זיידן אברהם אבינו. יצחק איז שוין אלט געווען זעכציג יאר בלדת אותם, און אברהם איז שוין אלט געווען דעמאלטס הונדערט און זעכציג יאר. די אייבערשטער וועט טאקע געבן קינדער, אבער זיי וועלן שוין נישט קענען דעם זיידען. האט ער מתפלל געווען, און הרבה והפציר בתפלה, אז דער אייבערשטער זאל אים יעצט געבן די קינדער, כדי זיי זאלן נאך קענען די אבות. און אזוי איז טאקע געווען, אז יעקב האט נאך געקענט אברהם אבינו. ער איז אלט געווען פופצן יאר, ווען אברהם אבינו איז נסתלק געווארן. און דאס אז עס איז געווען רואין זה את זה (תוספות בבא מציעא פה.), האט איבערגעלאזט א רושם אויף יעקב, אז ער איז געבליבן הייליג, און נאכגעגאנגען בדרכי אבות.

**עס** איז א עקסטרע ברכה, אז דער אייבערשטער געט, אז מען איז זוכה צו אריכת ימים, און די אייניקלעך און אור אייניקלעך, געדענקען א זיידען און א באבען, ווי אזוי מען האט זיך געפירט. עס איז א עקסטרע זכיה, צו געדענקען ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט די פריערדיגע דור. און טאמער דאס פעלט, האט מען שוין נישט קיין דמות דיוקן ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט דער פריערדיגן דור.

**די** קינדער און די אייניקלעך האבן נאך געקענט די באבע, זי האט זוכה געווען צו א אריכת ימים. דארף מען דאס מיטנעמען מיט זיך, און געדענקען שטענדיג די דמות דיוקנו של אביו. מען זעהט ביי יוסף, ווען ער האט געהאט א נסיון, האט ער זיך דערמאנט די דמות דיוקנו של אביו, און דאס האט אים געהאלפן. אז מען דערמאנט זיך פון וואס פאר

א שטוב מען קומט, און מען געדענקט די צניעות און ערליכקייט וואס איז געווען ביי איר, טוט דאס צוהעלפן אז מען זאל קענען גיין אויף דעם וועג. זאל די אייבערשטער העלפען, אז מיר זאלן קענען גיין אין די וועגן וואס זי האט אונז מגדל געווען, און ממשיך זיין דעם דרך ישראל סבא, און זי זאל זיין א מליצה יושר פאר אונז אלע. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת בא***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** בברית של בן הר"ר **מתתי' פרנס** הי"ו (ב"פ), שהתקיים בבית המדרש זשמיגראד (ב"פ). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי. רבינו הדליק נר על ציון של אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו ע"ה.

אחר אמירת תהלים השתתף **רבינו שליט"א** בסתימת הגולל של הר"ר **דוד ראזענבערג** ע"ה (תלמיד הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי.

אחר תפלת מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בן הר"ר **שמעון מנשה וויינגארטן** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בת הר"ר **משה אברהם טעללער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

*

***יום חמישי פרשת בא – ראש חודש שבט***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בישיבה קטנה. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לכבוד ראש חודש.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת ראש חודש שהתקיים בהיכל הכולל (וומסב"ג). ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה***

**איך** וויל באגריסען די חשובע לומדי הכולל. ב"ה מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, און מען האט יעצט גומר געווען הלכות ברכת הפירות. די גמרא (ברכות לח.) זאגט אז א חלק פון זיין א אדם גדול איז, אז מען זאל קענען ברכת הפירות. און אז נישט, קען מען נישט באקומען דעם טיטול אדם גדול.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **מהר"ם שי"ק**. די גמרא (מנחות מג:) דרשנ'ט, אז א יוד איז מחוייב מברך צו זיין מאה ברכות בכל יום, ווייל עס שטייט אין פסוק (דברים י-יב) ועתה ישראל מה ה' אלקיך, אל תקרי מה אלא מאה. און נאכדעם איז דא א גמרא (ברכות לג:), אז משה רבינו זאגט, ועתה ישראל, מה ה' אלקיך שואל מעמך, וואס בעט דער אייבערשטער פון דיר, כי אם ליראה את ה' אלקיך. פרעגט די גמרא אטו יראה מילתא זוטרתא, איך בעט נישט קיין סך, כי אם ליראה את ה' אלקיך? עס איז נישט נאר ליראה, נאכדעם שטייט, ללכת בכל דרכיו, ולאהבה אותו, ולעבוד את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, לשמור את מצות ה', דאס אלעס איז וואס דער אייבערשטער בעט. עס איז דאך א גרויסע עבודה, עס איז א עבודת ה'. זאגט די גמרא, אין, לגבי משה מילתא זוטרתא היא. משה רבינו האט דאך דאס געזאגט, ביי משה רבינו, איז געווען ליראה את ה' ולאהבה את ה', א קלייניגקייט. און דער באשעפער בעהט נישט קיין גרויסע זאכן.

**פרעגט** די וועלט, לגבי משה איז עס טאקע א מילתא זוטרתא. ער רעדט דאך אבער נישט צו זיך, ער רעדט דאך צו כלל ישראל. און פאר די שישים רבוא ישראל, איז דער ליראה את ה' אלקיך, גארנישט אזא מילתא זוטרתא.

**אין** די חסידישע ספרים שטייט, אין, לגבי משה, ווען מען דרייט זיך נעבן משה רבינו, אזוי ווי יודען זענען אין מדבר, אפגעזונדערט פון די וועלט, און מען איז געזעצן מיט אזא צדיק ווי משה רבינו, איז יראה געווען א מילתא זוטרתא. און משה רבינו האט געקענט זאגען פארן גאנצען כלל ישראל, אז אין דעם מצב וואס איר זענט יעצט אינעם מדבר, צוזאמען מיט משה רבינו, איז יראה א מילתא זוטרתא.

**האט** דער מהר"ם שי"ק געזאגט, א יוד איז מברך יעדן טאג דעם אייבערשטען, און אויף יעדן דבר טוב איז ער משים לב, וואס דער באשעפער האט געטון מיט אים, און ער דאנקט דעם אייבערשטן דערויף. מיר זענען צוגעוואוינט, אז אויף א יעדע זאך זאגט מען, געלויבט דער אייבערשטער. פארוואס זאגט מען געלויבט דער אייבערשטער. זיך איינצוחזר'ן, אז פאר א יעדע טובה וואס מען באקומט, אויף יעדע קלייניגקייט, דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען.

**עס** איז נישט דא א זאך וואס קומט פון זיך אליין, אז עס איז פונקט אזוי אויסגעקומען. ווען א מענטש שטייט אויף צופרי, דער אייבערשטער געט אים צוריק זיין לעבן, און ער קען זיך עפענען די אויגן, און ער קען זיך רירן די האנט און די פוס, און ער קען אראפ גיין פון בעט, און דער באשעפער געט אים בגדים, וואס ער קען זיך אנטון. און ער קומט צופרי אין בית המדרש, און ער דאנקט דעם אייבערשטען, פוקח עורים, דער באשעפער האט אים געעפנט די אויגן. מלביש ערומים, רוקע הארץ על המים, המכין מצעדי גבר, און ער טראכט אריין, וויפיל חסד דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, פון ווען ער איז אויפגעשטאנען, ביז ער איז געקומען אין בית המדרש, האט ער שוין אויף וואס צו דאנקען דעם אייבערשטן א גאנצן טאג.

**ווען** א מענטש מיינט אבער, אז דאס לעבן איז פון זיך אליין, עס קומט זיך אזוי. נאר ווען דער באשעפער טוט אים אמאל א אויסערגעווענליכע חסד, דעמאלטס הייבט ער זיך אן אויפצווועקן, אז ער האט באקומען חסד ה'. ער האלט אז אלעס וואס עס גייט אדורך אויף א מענטש קומט זיך, און אלעס איז נאטורלער, שפירט ער נישט אזוי ווייט די הכרת הטוב פארן אייבערשטן. ווען א מענטש ווייסט אבער, אז א יעדע ריר וואס ער טוט, אז די קאפ ארבעט, און די אויגן זעהן, און די פוס גייען, וואס פאר א חסד דאס איז, אז דער אייבערשטער געט אים כח.

**ווען** דער אייבערשטער נעמט עס ליידער אוועק פון א יוד, דעמאלטס זעהט מען וואס דאס מיינט. ווען א מענטש וואלט ל"ע נישט געווען געזונט, אז א מענטש וואלט זיך נישט געקענט רירן, און נישט עפענען די אויגן, און ער וואלט נישט געקענט הערן, און זיך נישט געקענט באוועגן, און עס וואלט געקומען א דאקטאר, און ער וואלט אים אויסגעהיילט, וויפיל הכרת הטוב וואלט ער געהאט, פאר דעם מענטש וואס האט עס אים געטון, און ער וואלט שטענדיג געדאנקט אויף דעם חסד, וואס דער מענטש האט מיט אים געטון.

**דער** רבונו של עולם טוט אויך די זעלבע. דער מענטש לייגט זיך שלאפן ביינאכט, המחזיר נשמות לפגרים מתים, ער איז אויסגעשאלטערט, ער איז נישט אויף דעם עולם. און דער באשעפער געט אים צוריק דאס לעבן, דאס אלעס איז חסד ה'. ער קען עסן פרישטיג און מיטאג, און ער קען מפרנס זיין די בני בית. ווען א מענטש טראכט אריין אין דעם שטענדיג, ער איז זיך מתבונן אין דעם חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. האט ער הכרת הטוב פארן אייבערשטן, ער פילט אז ער דארף צוריקבאצאלן פארן אייבערשטען. און דעמאלטס איז גארנישט אזוי שווער צו זיין א עובד ה'.

**ועתה** ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, דער אייבערשטער בעהט נישט קיין גרויסע זאכן, כי אם ליראה את ה' אלקיך. ווערסטו פרעגן ליראה את ה' אלקיך איז נאר א מילתא זוטרתא? אז עס וועט זיין, 'מאה' ה' אלקיך, אז דו ווערסט מברך זיין יעדע טאג מאה ברכות, אז דו ווערסט זיך מתבונן זיין אויף א יעדע זאך, וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן. ער האט דיר געגעבן א ברויט אויפן טיש, מאכסטו א ברכה אויף דעם. ער האט דיר געגעבן א גלעזל וואסער צו טרינקען, מאכסטו א שהכל. און דאס זעלבע ביי די מאה ברכות וואס קומט אויס צו מאכען במשך דעם טאג, דעמאלטס וועט זיין יראה א מילתא זוטרתא.

**ועתה** ישראל 'מאה' ה' אלקיך שואל מעמך, דער אייבערשטער בעהט פון דיר, אז דו זאלסט מברך זיין די מאה ברכות בכל יום. און אז דו ווערסט מברך זיין די מאה ברכות בכל יום, דעמאלטס ווערסטו זעהן אז יראה איז א מילתא זוטרתא, און דו ווערסט קענען צוקומען ליראה את ה' אלקיך.

*

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, בשעת דער אייבערשטער האט איבערגעגבן די מצוה פון פסח האט ער געזאגט, ושמרתם את המצות (שמות יב-יז), און רש"י זאגט דערויף אל תהי קורא את המצות, אלא את המצוות, מען זאל אפהיטן די מצוות. מצוה שבא לידך אל תחמצינה, א מצוה וואס קומט דיר אינטער די האנט, זאלסטו נישט אפלאזען, דו זאלסט נישט מחמיץ זיין די מצוה. און די מפרשים שטעלן זיך, אז די אייבערשטער וויל געבן א רמז אין פסוק, אז א מצוה דארף מען טון בזריזות, און מען זאל נישט מחמיץ זיין די מצוות, פארוואס האט ער עס צוזאמגעשטעלט מיט ושמרתם את המצות, אז כדרך שאין מחמיצין את המצות, אזוי ווי מען איז נישט מחמיץ די מצה, אזוי איז אין מחמיצין את המצוות.

**שטייט** פון איינע פון די פריערדיגע צדיקים, אז א יוד איז אזוי ווי א מצה טייג. טאמער מען לאזט אים ליגן אויף איין פלאץ, ווערט ער נחמץ. אבער טאמער מען נעמט די טייג, און מען טוט ארבעטן מיט אים, מען טוט אים פרעסן, און אינטערדריקן, מען רירט אים פון איין פלאץ צום אנדערן פלאץ, ווערט מען נישט חמץ'דיג. און ביי א יוד איז אויך די זעלבע, ווילאנג ער איז אזוי ווי ער איז, ער זוכט זיך נישט צו דערהייבן, אלעס גייט אזוי ווי געוועגליך, ווערט מען נחמץ. אז א יוד ווייסט אז ער דארף שטענדיג טון, און קיינמאל נישט רוען, דעמאלטס ווערט ער א מצה, ווערט ער נישט נחמץ.

**די** יצר הרע ווערט אנגערופן שאור שבעיסה, א שאור וואס ליגט אין די טייג. און ער איז אונז מחמיץ. גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך, ומי מעכב שאור שבעיסה (ברכות יז.). די שאור שבעיסה טוט גארנישט, ער ליגט אין די עיסה, און ער דארף גארנישט טון פאר די עיסה, אז עס זאל נחמץ ווערן, עס געשעט פון זיך אליין. אבער אויב א מענטש וועט נעמען די עיסה, און עס שטענדיג וועלגערן, טפח תלטוש בצונן (פסחים מח:), ער וועט טון פעולות דערצו, וועט ער אוועקנעמען די חימוץ. און ווען ער וועט אויפהערן צו טון עפעס מיט דעם טייג פאר איין מינוט, טוט דער שאור שבעיסה מחמיץ זיין דעם טייג.

**א** מענטש האט אין זיך א יצר הרע, עס איז נישט אז דער יצר הרע דארף אים צורעדן, אז ער זאל טון א עבירה. דער יצר הרע ארבעט שטענדיג אינעם מענטש. דער יצר הרע, די תאות הגוף, זענען שטענדיג שולט. עס ליגט אין אים א שאור שבעיסה, וואס דער שאור שבעיסה טוט זיין ארבעט, ער איז מחמיץ דעם מענטש שטענדיג. אבער בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.), ווען דער מענטש וועט ארבעטן, און ער וועט נישט איבערלאזן א פרייע מינוט פאר זיך. יעדע פרייע צייט וואס ער האט, אדער טוט ער פאר עבודת ה', אדער איז ער מקיים בכל דרכיך דעהו, יעדע רגע איז אויסגענוצט פארן אייבערשטן'ס וועגן, דעמאלטס ווערט ער נישט נחמץ.

**כשם** שאין מחמיצין את המצות, כך אין מחמיצין את המצוות. אזוי ווי ער טאר נישט מחמיץ זיין די מצה, ער דארף שטענדיג טון פעולות אינעם טייג, און דעמאלטס ווערט ער מצה, כך אין מחמיצין את המצוות, אזוי איז ביי מצוות אויך די זעלבע. טאמער א מענטש איז נישט עוסק שטענדיג אין תורה, ער ליגט נישט אין לערנען, ער ליגט נישט אין עבודת ה', ווערט ער נחמץ פון זיך אליין. ער מוז נישט טון קיין פעולות אז ער זאל נחמץ ווערן, די שאור שבעיסה איז מחמיץ דעם מענטש.

**ב"ה** יונגעלייט זיצן און לערנען, און ביי זייער אזאך יונגעלייט, איז עס באמת תורה מתוך הדחק. מען פלאגט זיך, און מען איז מוותר אסאך, אויף עניני עולם הזה. מען ליגט אין לערנען די גאנצע צייט, און מען איז עסוק אין תורה הק'. און ב"ה גדלו והצליחו וגם עשו פרי, מען זעהט אז מען איז מסיים נאך א הלכה, און נאך א הלכה. דארף מען וויסען, אשרנו מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, מיר זענען נישט קיין רחמנות, נאר מיר זענען די גליקליכסטע מענטשען אין די וועלט. אז מיר קענען זיצן באהלה של תורה, און מיר קענען זיך אויפפירן, אזוי ווי בני תורה פירן זיך אויף. מען דארף מחשיב זיין יעדן טאג וואס מען קען זיצן אין

כולל, א מענטש קען נישט זוכה זיין אויפן עולם הזה, צו קיין שענערס און בעסערס פון דעם. זאל די אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער מסיים זיין אסאך הלכות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** בהחופה של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס אהרן קופערשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין. אחר תפלת מעריב חזר להחתונה, רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** בהחתונה של בת הר"ר **וואלף מארקאוויטש** הי"ו עב"ג בן הר"ר **נחמן סטרולאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת בא***

בקריאת התורה התקיים הבאווארפען של החתן **אברהם נאה** נ"ו בן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית נתכבד הרב רבי **פרץ טובי' דייטש** שליט"א (א"י, בן הרה"ג רבי חיים יהודה דייטש שליט"א, אב"ד פתח תקוה) בברכת המזון.

אחר הבדלה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי אברהם חיים שפיטצער זצ"ל** אבד"ק אור החיים.

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **משה צוויבל** הי"ו (ב"פ), שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסיום ספר שופטים שנלמד על ידי **הרה"ג רבי צבי האלפערין שליט"א** דיין דקהלתנו בבארא פארק, שהתקיים באולם עדת טערעס.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף בהמלוה מלכה לטובת כולל בית תלמוד להוראה, בנשיאות **כ"ק גאב"ד דקארלסבורג שליט"א**, שהתקיים באולם בית יעקב וויען.